בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיְחִי

תש"פ

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Blominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

**צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט**

**קול**
**ברסלב**
212-444-9191

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
212-444-9169

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## חיזוק צום טיר!

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות,
ניגונים סידי'ס, USB'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר! רופט אריין: 347-509-4908

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעווֹאוֹינֶען פוּן גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט?..................א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען כְ'הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער?..................ד

וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַּאר מַיין זוּן וָואס פְרֶעגְט וֶועגְן קְדוּשָׁה?..................ה

זָאל אִיךְ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?..................ח

וִויפִיל דַארְף אַ אִינְגֶל לֶערְנֶען?..................ט

פַאַרְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן וַוייטֶער דֶעם סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ"?..................יב

קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה צוּ מַיין חֲתוּנָה?..................יד

מֶעג אִיךְ פָאְרן אַלֵיין אִין אַ טֶעקְסִי?..................טו

וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז וֶוען מְ'לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין כְּלֵי זַיִן?..................יז

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ בַּארוּאִיגְן נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע?..................יח

זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין שִׁיעוּר גְמָרָא אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאר צוּ זָאגְן?..................כ


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


עֵצוֹת אַז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן צוּ עֶסְן..................א

מְתַרְגֵם זַיין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"..................ב

אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים..................ב

לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ..................ג

הֵייבּ אָן הַיינְט שַ״ס. ........ ה

צְוָואנְצִיג יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה מְסַיֵים גֶעוֶוען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא! ........ ו

מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם גַאנְצְן דִמְיוֹן פוּן אוֹתוֹ הָאִישׁ יִמַח שְׁמוֹ ........ ז

נִישְׁט גוֹרֵס גֶעוֶוען בִּטָל. ........ ח

וָואס מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען טוּן אִין דִי לֵיידִיגֶע צַייט. ........ ח

מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען אַ גֶעהָאלְפֶענֶער ........ ט

דַיי שְׁטַארְק וִוי אַייְזְן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין מָאוִוי״ס ........ יא

שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרַיין דַיין מַאן אִין קוּקְן מָאוִוי״ס. ........ יב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין פַאר קְלֶענֶערֶע מֵיידְלֶעךְ און בִּזְכוּת אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, וּבִפְּרַט דִי גֶעוואלְדִיגֶע חִינוּךְ שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה אִין מַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, און אִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיבְשַׁאפְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, יִרְאַת שָׁמַיִם, און בְּעִיקָר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. אִיךְ שֶׁעפּ נַחַת צוּ זֶען ווֶען אִיךְ מַאךְ אַ גוֹרָל, ווִי אַלֶע קִינְדֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן גֶעווִינֶען. דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ.

אִיךְ הָאבּ אֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז בַּיינַאכְט גֵיי אִיךְ שְׁלָאפְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ זַאכְן צוּצוּגְרֵייטְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג אִין שׁוּלֶע, און אוֹיךְ מַאךְ אִיךְ הִתְבּוֹדְדוּת אַ שָׁעָה צַייט יֶעדֶע נַאכְט און עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ שְׁלָאף דָאס מֶערְסְטֶע 5 בִּיז 6 שָׁעָה אַ נַאכְט, ווָאס אוֹיטָאמַאטִישׁ אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן דֶעם פוּלְסְטְן הַרְחָבַת הַדַעַת דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג.

ווִיפִיל אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, אִיז מִיר עֶס נָאךְ נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען. און נָאכְ'ן הֶערְן אוֹיף דִי וַוארֶעמֶע חִינוּךְ-שְׁמוּעֶסְן אַז מְלַמְּדִים דַארְפְן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, מַאךְ אִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָפּ בַּיי מִיר דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג. אִיךְ בֶּעט כְּסֵדֶר פַארְ'ן שְׁלָאפְן גֵיין אַז דֶער הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ זָאל מִיר גֶעבְּן כּוֹחוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע און אִיךְ זֶע ווִי דָאס הֶעלְפְט מִיר דוּרְכְשְׁטוּפְן דֶעם טָאג בְּחַסְדֵי ה', אָבֶּער בַּיי מִיר ווַייס אִיךְ דָאךְ קְלָאר אַז אִיךְ טוּ נִישְׁט רִיכְטִיג. דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ סְ'אִיז נָאךְ דָא אַ ווֶעג אִיךְ זָאל מִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן דֶעם

שְׁלֶעכְטְן גֶעוואוֹינְהֵייט.

אַגַב, זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען צְווישְׁן דִי בְּרִיוו וְוי אִיר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פַּאר אַ בָּחוּר אַ הַארְצִיגֶע תְּפִילָה פוּן מוֹהֲרָא"ש לִמְצִיאוּת הַזִּוּוּג, הָאבּ אִיךְ דָאס אַרוֹיסְגֶעדְרוּקְט, אוּן אִיךְ זָאג עֶס אוֹיךְ. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיז דָא אַ בַּאזוּנְדֶערֶע תְּפִילָה פַאר מֵיידְלֶעךְ אָדֶער קוּמְט עֶס אוֹיס אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ לֶערֶערִין פַּאר מֵיידְלֶעךְ, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס; בִּפְרַט קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען זֵיי נָאךְ זֵייעֶר תְּמִימוּת'דִיג, זֵיי נֶעמֶען אָן אוּן שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס זֵיי הֶערְן.**

**אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בָּבָא בַּתְרָא ח:)**: אוֹיפְ'ן פָּסוּק** (דָּנִיֵּאל יב, ג)**: "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל; עֶר הָאט אָן אַ שִׁיעוּר זְכוּתִים, אַזוֹי סַאךְ וְויפִיל שְׁטֶערְנְס עֶס אִיז דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

**אַ לֶערֶערִין דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן אַזוֹי וְוי דִי הֲלָכָה אִיז** (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז)**: "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אוֹיף זַיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד אוּן דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ לֶערֶערִין; אוֹיבּ מֶען אִיז מִיד, מֶען אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג, וֶוערְט מֶען שְׁנֶעלֶער אוֹיפְגֶערֶעגְט חַס וְשָׁלוֹם, מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ וֵוייטוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ'; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט עֶסְן, אוֹיבּ מֶען עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער. דַארְפְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי כְּדֵי אִיר זָאלְט זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט, אַזוֹי וֶועט דֶער גַאנְצֶער טָאג אַייךְ גֵיין גְרִינְגֶער.**

**בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין זִיווּג שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אַ מַאן אַ צַדִּיק, אַ**

מאן וָואס וֶועט לֶעבְּן מִיט דיר און מִיט די תּוֹרָה; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר וָואס לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק און גֵייט אִין די וֶועגְן פוּן אַ צַדִּיק, און אוֹיבּ עֶס אִיז מִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן חַס וְשָׁלוֹם אַ מַאן אַן עֵשָׂיו בֶּעט אִיךְ דיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאלְסְט מִיר טוֹישְׁן מַיין שִׁידוּךְ און מִיר גֶעבְּן אַ יַעֲקֹב אָבִינוּ.

הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס און אִיךְ גְלֵייבּ אַז תְּפִלָּה קֶען טוֹישְׁן אַ שִׁידוּךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ט): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ שִׁידוּךְ; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אַ וואוּילֶער מַאן וָואס וֶועט מִיר מְחַזֵּק זַיין, מִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן און מִיר וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִינְאֵיינֶעם אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ".

אִינֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט לֶערְנֶען מִיט די קִינְדֶער, אִיר וֶועט נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק צְווִישְׁן די קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אָרֶעם אָדֶער רַייךְ, אִיר וֶועט נִישְׁט מַאכְן קַיין צְווִישְׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן די קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן טֵייעֶר אָדֶער בִּילִיג, בִּזְכוּת וָואס אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף די גֶעפִילְן פוּן די קִינְדֶער וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְנֶעמֶען אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת, אַזוֹי ווִי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט מֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר רֶעגְן, אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד און גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעגְנֶען, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען די גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדַּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער און אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשִׁיד פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד; אִיךְ קוֹיף אִים אוּנְטֶער, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק און אִיךְ בִּין אִים מְשַׁכְנֵעַ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן די פִישֶׁעלֶעךְ און דוּרְכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער, גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס קִינְדֶער, הָאט מֶען אַ כֹּחַ אִין הִימְל און מֶען נֶעמְט אָן אַלֶע תְּפִילוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען כ׳הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס פַארְלוֹירְן וְכוּ' אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָשׁ ווִי אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל. שׁוֹין גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהָאפְט צוּ הָאבְּן אַ קִינְד, אָבֶּער יֶעדְן טָאג וֶוער אִיךְ מֶער אוּן מֶער צֶעבְּרָאכְן זָעעֶנְדִיג אַז אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָשׁ גֶעמַאכְט אַ גָלוּת פַאר מִיר אַלֵיין, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין חֲתוּנוֹת ווייל אִיךְ וויל נִישְׁט זַיין דֶער רַחֲמָנוּת, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין מְצַעֵר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס וַוארְטְן אוֹיף אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע שְׁפִּיר אִיךְ נָאךְ ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ דַאוֶוען אוּן אִיךְ טוּ מִצְוֹת אוּן פְּרוּבִּיר צוּ זַיין וואוֹיל, פַארְוָואס טוּט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ מִיר? אוּן אוֹיבּ דַארְף עֶר מִיר נִישְׁט הָאבְּן, דֶעמָאלְט פַארְוָואס זָאל אִיךְ וַוייטֶער הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת?

אִיךְ וֵוייס אַז מְ'טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ יָא קַשְׁיוֹת? אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין מֹחַ. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ קוּקְן שְׁוַוארְץ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק טְרַאכְטְן נָארְמַאל אוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִידִישְׁקֵייט, אִין דִי צַייט וָואס יֶעדֶער הָאט קִינְדֶער אוּן נָאר אִיךְ נִישְׁט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִגַשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת, אִיר הַאלְט אִינְגַאנְצְן צְוֵויי יָאר נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן קִינְדֶער.

דָאס אַז איר הָאט פַארְלוֹירְן וְכוּ׳ דָאס דַארְף אַייךְ שְׁטַארְקְן, ווייל פוּן דֶעם זֶעט איר אַז איר אוּן אַייעֶר מַאן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער אוּן איר וֶועט נָאךְ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער.

אִיר טוּט נִישְׁט גוּט אַז אִיר זֶענְט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, אִיר גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב אוּן אִיר גֵייט נִישְׁט אוֹיף שִׂמְחוֹת; פַארְוָואס זָאלְט אִיר אַרוּם גֵיין מִיט אַ מַחְשָׁבָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייךְ? פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ צֶעקְלַאפְּן אוּן טְרַאכְטְן אַז אִיר זֶענְט מְצַער אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן?! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קִינְדֶער זֶענְט אִיר נִישְׁט מְצַער אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, מִיט דֶעם וָואס אִיר וֶועט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב דֶעפְּרֶעסְט אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג מִיט דֶעם וֶועט אִיר זַיי וֵויי טוּן.

אַז אִיר ווילְט הָאבְּן קִינְדֶער זָאלְט אִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר גָלוּת, פוּן אַייעֶר עַצְבוּת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים? יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים, וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער; זֶעט מֶען אַז שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר מַיין זוּן וָואס פְרֶעגְט וֶועגְן קְדוּשָׁה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק.

מַיין זוּן אִיז צֶען יָאר אַלְט אוּן עֶר הֶערְט אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים, לֶעצְטְנְס פְרֶעגְט עֶר מִיר וָואס ס'מֵיינְט פְּגַם הַבְּרִית וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ דֶערְפוּן אַז ס'אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, אוּן וָואס מֵיינְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע קַשְׁיוֹת. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז וֶוען עֶר וֶועט עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער עֶר אִיז אַ קְלוּג אִינְגְל אוּן דִי סָארְט עֶנְטְפֶערְס בַּאפְרִידִיגְן אִים נִישְׁט. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ קֶען אִים עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְרַאגֶע, אוּן נָאךְ מֶער וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ אוֹיף דַיין עֶנְטְפֶער אַז "דָאס הָאט צוּ טוּן מִיט עֶלְטֶער וֶוערְן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין", וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ פַארְשְׁטֵיין. דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס אַלֶע דַארְפְן וִויסְן, יוּנְג אוּן אַלְט, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן אוֹיבּ מֶען רִירְט אָן וְכוּ' וְכוּ' אִיז מֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן", אָן קַיין פַארְוָואס אָן קַיין פַאר וֶוען; יוּנְג אוּן אַלְט דַארְפְן וִויסְן זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן זֵיי מְטַמֵא זַיין, זִיךְ הִיטְן פוּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְגֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן מִיר זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן שׁוֹבָבִי"ם הֶערְן דִבְרוֹת קוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מֶען הָאט גֶעהֶערְט דִי טֶעיִפְס פוּן דִי שׁוֹבָבִי"ם תּוֹרוֹת ווִי דֶער רֶבִּי זי"ע פְלֶעגְט וֵויינֶען מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט פּוֹגֵם צוּ זַיין בְּמִידַת הַיְסוֹד, דָאס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אוּנְזֶער נְשָׁמָה אוּן אִין אוּנְז אַרַיין גֶעלֵייגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית; אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין סַאטְמֶערֶער חֵדֶר אִין בָּארָא פַּארְק, דָארְטְן רֶעדְן דִי מְלַמְדִים פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעהֵייסְן, אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אָן קַיין הֶסְבֵּרִים אוּן אָן קַיין טַעֲמִים; מֶען לֶערְנְט דָאס פוּן קִינְדְוַוייז אָן. טַאטֶע מַאמֶע דַארְפְן דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין חַזְר'ן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

וֶוען מֶען וַואשְׁט דָאס קִינְד אוּן וֶוען דָאס קִינְד גֵייט אִין בֵּית הַכִּסֵּא חַזְר'ט מֶען דָאס מִיט אִים אַזוֹי ווִי מֶען לֶערְנְט מִיט אִים אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִלְכוֹת מוּקְצֶה, דַארְף מֶען יֶעדְן שַׁבָּת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל חַזְר'ן מִיט דִי קִינְדֶער אַז מֶען

טָאר נִישְׁט אָנְכַאפְּן קַיין מוּקְצֶה, אוּן וֶוען מֶען זֶעט אִים אָנְכַאפְּן אַ מוּקְצֶה'דִיגֶע זַאךְ זָאגְט מֶען אִים: "שַׁבָּת", "מוּקְצֶה", - בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִינֶעם קִינְד; עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז אַ אִיד טָאר נִישְׁט אָנְכַאפְּן שַׁבָּת קַיין מוּקְצֶה'דִיגֶע זַאכְן.

אַז דַיין קִינְד וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "טַאטֶע, פַארְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט אָנְכַאפְּן מוּקְצֶה?" וֶועסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן: "וֶוען דוּ וֶועסְט עֶלְטֶערְן וֶוערְן וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין", אָדֶער דוּ וֶועסְט אִים זָאגְן פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט: "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"? אַזוֹי אִיז מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית; וָואס מֵיינְט פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה? "אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן בְּרִית", וָואס מֵיינְט זַיין הֵיילִיג? "זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן", פַארְוָואס? "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט".

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן דֶערְפוּן וַוייל נִישְׁט אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן פוּן דֶעם, דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן מְלַמְּדִים וֵוייסְן נִישְׁט דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט בַּיי דִי אֲסִיפַת מְלַמְּדִים דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט אִין בָּבֶל וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים אִין דִי יָארְגֶענְג פוּן אַכְטְן בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵּד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, פַארְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן - זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן פְרֶעגְט מִיר: "אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן..." וְאָמַר לִי "לֹא יָפֶה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ", אָמַרְתִּי לוֹ "מִפְּנֵי מָה?" וְאָמַר לִי "שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווייטְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע אוֹיסְגֶעפִירְט: "זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף דִי

מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית״.

וואוֹיל אִיז פַּאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זֶען אַסַאךְ נַחַת בַּיי זֵיי.

...

## זָאל אִיךְ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל כּוֹחוֹת אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן דְרֵיי קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן יֶעדֶעס מָאל נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאב גֶעהַאט אַ קִינְד בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְיֶע, אָבֶּער נָאכ'ן הָאבְּן דָאס דְרִיטֶע קִינְד אִיז מַיין מַצָּב גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ הָאב גֶעדַארְפְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוֹיף מֶעדֶעצִינֶען. בָּרוּךְ ה' אַז צוּם סוֹף בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, אוּן הַיינְט בִּין אִיךְ בָּרוּךְ ה' אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע אוּן אִיךְ דַארְף מֶען נִישְׁט נֶעמֶען קַיין שׁוּם מֶעדֶעצִינֶען.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין וַוייטֶער. מַיין יוּנְגְסְטֶע קִינְד אִיז שׁוֹין פִיר אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, אוּן אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאב אִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע פַּחַד פוּן דֶעם, אוּן נָאךְ מֶער אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט נָאכְאַמָאל מַאכְן צַעַר פַּאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייטְס פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ, אִיר הָאט אַ מַאן מִיט דְרֵיי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן הָאבְּן כָאטְשׁ אֵיין קִינְד, אוּן אִיר הָאט קַיין עַיִן הָרָע דְרֵיי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער דַארְפְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט, וַוייל אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶר גֶעזוּנְט.

...

## ווִיפִיל דַארְף אַ אִינְגְל לֶערְנֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגְל פוּן 11 יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], ס'הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף גְמָרָא מַסֶכֶת בְּרָכוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַפָּאר שְׁאֵלוֹת.

1. מִיר הָאבְּן ב"ה אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מִיט שְׁוֶועסְטֶערְס אוּן בְּרִידֶער, אוּן אִיךְ שְׁטֶער זֵיי אַסַאךְ מָאל. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף מִיר. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

2. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז ס'אִיז נִישְׁט גוּט צוּ לֵיינֶען קָאמִיקְס אוּן אוֹיךְ מַיין טַאטֶע זָאגְט אַזוֹי. אָבֶּער דִי מֵיידְלֶעךְ בַּיי אוּנְז בְּרֶענְגֶען עֶס יָא אַרַיין אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ צוּ לֵיינֶען, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? מַיין מַאמֶע קוֹיפְט מִיר טַאקֶע בִּיכֶער פוּן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, אָבֶּער אִיךְ עֶנְדִיג עֶס זֵייעֶר שְׁנֶעל.

3. אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

זָאגְט אַז אַ אִינְגְל דַארְף אוֹיךְ שְׁפִּילְן, נִישְׁט נָאר לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע צַייט. אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן חֵדֶר יֶעדְן טָאג אוּם הַאלְבּ זֶעקְס, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן אַ סֵדֶר וְויפִיל אִיךְ זָאל לֶערְנֶען פַאר מִיר אַלֵיין אִין מַיין צַייט.

יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת; דוּ בִּיסְט אַ יוּנְג קִינְד פוּן עֶלְף יָאר אוּן דוּ הָאסְט שֵׂכֶל וִוי אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, אַרַיין צוּ כַאפְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵייליגְן רֶבִּי׳ן, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער זָאל מֶען זָאגְן דִי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

אוֹיף דַיין עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע אַז דוּ ווילְסְט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דַיינֶע מִידוֹת; אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אַ קוּרְצֶע צַייט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כ:): ״כְּבָר צָוַח הַכֹּהֵן אָנָּא הַשֵּׁם, וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בִּירִיחוֹ״, זָאגְט עֶר (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, תְּחִלַּת פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח): ״שֶׁזְּמַן אָרוֹךְ צָרִיךְ הָאָדָם לִצְעֹק אָנָּא הַשֵּׁם, עָזְרֵנִי שֶׁאֶזְכֶּה לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ, אֲבָל לֹא בְּיָמִים מוּעָטִים״, מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן אַ לַאנְגֶע צַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

בְּנוֹגֵעַ לֵיינֶען קָאמִיקְס וְכוּ׳; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ לֵיינֶען סִיפּוּרֵי צַדִיקִים, מַעֲשִׂיּוֹת וִוי אַזוֹי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרַיין גֵיין אִין דִיר אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק אוּן בֶּענְקֶעניִשׁ אוֹיךְ צוּ זַיין אַ צַדִיק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ לֵיינֶען אוּן הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען וִויל

אוֹיף וֶוערְן אַ צַדִיק.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע וויפִיל צוּ לֶערְנֶען וְכוּ׳; וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן חֶדֶר זָאלְסְטוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפִּילְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער זִיךְ אוֹיסְצוּגֶעבְּן; זָאלְסְטוּ קוֹדֶם גֵיין אַבִּיסְל שְׁפִּילְן, טַאנְצְן אוּן אַרוּם שְׁפְּרִינְגֶען מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר וַוייטֶער אִין שַ״ס כְּסֵדֶרְן. זוּךְ דִיר אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אָדֶער אִין שְׁטוּב אָדֶער אִין אַ שׁוּל וואוּ עֶס אִיז רוּאִיג אוּן לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַ״ס נָאךְ פַאר דַיין בַּר מִצְוָה, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף דִיר אַ צֶלֶם אֱלֹקִים.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַריין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְנְדִיג דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר״, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

חֲזַק וֶאֱמָץ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי הֶערְלִיכֶע נֵייעֶס אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן צְוֵויי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס מֵיינְט, אַ קִינְד פוּן עֶלְף יָאר אַלְט זָאל שׁוֹין הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט צְוֵויי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

מוֹהַרְאַ״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַ סִיוּם מִשְׁנָיוֹת פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: ״גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס, שְׁטֶעלְט אָפּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים צִי עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מִשְׁנָיוֹת, וֶועט עֶר קוּקְן אוֹיף דִיר וִוי דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן פוּן דִי לְבָנָה״, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ נוּצְט אוֹיס דִי צֵייט

מִיט גוּטֶע זַאכְן.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ׳; יֶעדֶעס מָאל פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶעלְן בַּיי דִי מְזוּזָה, לֵייג דַיין הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם", אוּן זָאג דֶעם פָּסוּק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת רְאִיָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ׳, וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן - וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס - מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת זָאל מֶען זָאגְן פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן.

וֶוען דוּ גֵייסְט נָאכְמָאל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר מַזְכִּיר זַיין בַּיים צִיוּן אוּן בֶּעטְן פַאר מִיר, מַיין נָאמֶען אִיז יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.]

...

## פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן וַוייטֶער דֶעם סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ"?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער שׁוֹין אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אִיבֶּער צְווֵיי יָאר, דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּרִים קְבוּעִים אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא אוּן נָאךְ אַסַאךְ, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ" פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע אוֹיפְ'ן "תִּקּוּנֵי זֹהַר", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן וַוייטֶער דֶעם סֵפֶר. דָאס הָאט שׁוֹין מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אִין יָאר תשמ"ט, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ פִילֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵפֶר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט דֶעם סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ", דֶעם פֵּירוּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי הַקְדָמָה פוּנֶעם סֵפֶר. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז עֶר הָאט אַלֶע זַיינֶע יָארְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תִּיקוּנִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דִי פֵּירוּשִׁים אוֹיף דִי תִּיקוּנִים אַלְץ צְוֵויי טַעֲמִים, אֵיינְס ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפה): "וְעַל סֵפֶר הַתִּקּוּנִים לְבַד, לֹא יַסְפִּיקוּ אֲלָפִים סְפָרִים לְבָאֵר עֶצֶם רִבּוּי הַסּוֹדוֹת שֶׁיֵּשׁ שָׁם, אֲשֶׁר לֹא יַכִילֵם הָעִיּוּן", אֲפִילוּ מֶען זָאל אָפְּשְׁרַייבְּן טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אִינֶעם סֵפֶר הַתִּקּוּנִים, "כַּיָּדוּעַ לַכֹּל גְּדוּלַּת קְדוּשַּׁת הַתִּקּוּנִים הַקָּדוֹשׁ", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז פַאר יֶעדְן בַּאקַאנְט דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן תִּיקוּנֵי זוֹהַר, "אֲשֶׁר כָּל עוֹרוֹת אֵילֵי נְבָיוֹת לֹא יַסְפִּיקוּ לְבָאֵר סוֹדוֹתָיו וּרְמִיזוֹתָיו וְכוּ'", מֶען זָאל נֶעמֶען דִי הוֹיט פוּן אַלֶע הֶערְשְׁן אוּן מַאכְן פוּן דֶעם פַּארְמֶעט וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפּ שְׁרַייבְּן דִי סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אִין דֶעם סֵפֶר; דֶערִיבֶּער - שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ - הָאט עֶר אַלֶע זַיינֶע יָארְן נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן זַיינֶע פְּשָׁטִים, רְמָזִים אוּן סוֹדוֹת וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען.

נָאךְ אַ טַעַם זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז וֶוער עֶס וֵוייסְט אוּן אִיז בַּאקַאנְט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר וֵוייסְט אַז כִּמְעַט יֶעדֶע שׁוּרָה, יֶעדֶע צְוֵויי שׁוּרוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אִין אֵיין בְּלַאט רֶעדְט מֶען פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן, פוּן אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן אוּן אַנְדֶערֶע סוֹדוֹת, כַּיָּדוּעַ לַיּוֹדְעִים, מִמֵּילָא אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן ווַייל עֶס וֶועט אוֹיסְזֶען אִינְטֶערֶעסַאנְט וְכוּ'.

דָאס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אִיז גֶעוֶוען וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל בִּשְׁנַת תשמ"ט נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַן עֶקְסִידֶענְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר י"א אִיָּיר תשמ"ט אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין אַן אָפֶּעַרַאצְיֶע, עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע ג׳ בְּחֻקּוֹתַי וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נָאכְמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אַזוֹי וִוי

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען תִּיקוּנֵי זוֹהַר אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט נָאר חוֹדֶשׁ אֱלוּל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכח), אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ אַז אוֹיבּ דִי אַפֶּעראַצְיֶע וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם וֶועט עֶר אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶס וֶועט אִים נִתְחַדֵּשׁ וֶוערְן וְכוּ'.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן גַאנְצְן סֵפֶר הַזּוֹהַר "מַרְאֶה אֵשׁ", אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס נִישְׁט גֶעדְרוּקְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶנְדֶערְשׁ גֶעדְרוּקְט נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס וָואס קֶען רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס צוּ מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן; דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דָאס דַארְפְן מִיר נָאךְ טוּן; מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, מִיר וֶועלְן בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

...

## קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה צוּ מַיין חֲתוּנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס הֶערְט אוֹיס אַלֶע שִׁיעוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אַ חָתָן גֶעוָוארְן, מַיין חֲתוּנָה אִיז אִין צְוֵויי חֳדָשִׁים אַרוּם, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בַּאקוּמֶען הַדְרָכוֹת ווִי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; אוֹיבּ עֶפֶּעס טוּט וֵויי דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. אוֹיבּ מֶען רֶעדְט

נִישְׁט, אָדֶער אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּנֶעם צְווייטְן צוּ רֶעדְן אִיז דָאס אַ חִסָּרוֹן אִין שָׁלוֹם בַּיִת.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט קוּמֶען צוּ אִים אָן אַ וַוייבּ און דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל הַאלְטְן חָשׁוּב דִי וַוייבּ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן רסד) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב און רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּידָה וְהַגִּידוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם, בְּכַמָּה אוֹפַנִּים הַקָּשִׁים וּכְבֵדִים מְאֹד מְאֹד וְכוּ' וְכוּ'", דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יִסוּרִים און אַסַאךְ צַעַר; צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵּידָה און צַעַר פוּן מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט צוּ דִי חֲתוּנָה, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ; זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין און אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט אִיר; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן: "מִיט אַ וַוייבּ טַעֲנָה'ט מֶען נִישְׁט, אַ וַוייבּ אִיז אַלְץ גֶערֶעכְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זוּכְן וִוי דוּ קֶענְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין וַוייבּ, אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי וֶועט דִי טוּן שְׁטֶענְדִיג דַיין ווִילְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי", אַ פְרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ'ן מַאן נָאר אוֹיבּ עֶר מַאכְט עֶר פַאר אַ כֵּלִי; וִוי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז אוֹיבּ מֶען בּוֹיט אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען מַאכְט אִיר פַאר אַ גַאנְצֶע כֵּלִי, מֶען הֵייבְּט אִיר אוֹיף מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער: "דוּ קֶענְסְט יָא", "דוּ בִּיסְט יָא", "דוּ בִּיסְט מַיין לֶעבְּן", וְכוּ' וְכוּ' וֶוערְט דִי אַ גֶעבּוֹיטֶע כֵּלִי און דִי וֶועט וֶוערְן אֵיינְס מִיט דִיר, עֶנְקֶער שְׁטוּבּ וֶועט זַיין אַ מִשְׁכָּן, אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

...

## מֶעג אִיךְ פָארְן אַלֵיין אִין אַ טֶעקְסִי?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט צְווֵיי מַעֲשִׂיּוֹת מִיט אַ טֶעקְסִי, און אִיךְ טְרַאכְט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג

בִּכְלַל פָּארְן מִיט אַ טֶעקְסִי.

אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָּארְן אַלֵיין, אוּן דֶער דְרֵייוֶוער הָאט מִיר גֶעוָואלְט גֶעבְּן זַיין טֶעלֶעפָאן נוּמֶער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר מִיר פְּרוּבִּירְט צוּ גֶעבְּן גֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ דַארְף נִישְט. לְמַעֲשֶׂה בַּיים אָנְקוּמֶען הָאט עֶר נִישְט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן מִיר.

אַ צְוֵוייטֶע מָאל הָאט מַיין טַאטֶע מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט אַ טֶעקְסִי, אוּן דֶער דְרֵייוֶוער הָאט קוֹדֶם גֶעזָאגְט אַז ס'וֶועט קָאסְטְן 30 אוּן בַּיים אָנְקוּמֶען הָאט עֶר גֶעטוּישְט דִי פְּרַייז צוּ 50, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי קַאר אוּן מִיר הָאט עֶר נִישְט גֶעלָאזְט אַרוֹיסְגֵיין בִּיז אִיךְ צָאל אִים. בִּיז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן מַיין טַאטֶע וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר מִיר גֶעלָאזְט גֵיין.

זָאל אִיךְ מֶער נִישְט פָּארְן מִיט אַ טֶעקְסִי? אוּן אוֹיבּ מַיין טַאטֶע בֶּעט מִיר וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז דַיין טַאטֶע בֶּעט דִיר זָאלְסְט הֶעלְפְן נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט אַ טֶעקְסִי וְכוּ'; דִי בֶּעסְטֶע וֶועג פַאר אַ מֵיידְל אִיז צוּ בַּאשְׁטֶעלְן אַ טֶעקְסִי מִיט אַ פְרוֹי דְרֵייוֶוער, אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְט דָא אַ פְרוֹי דְרֵייוֶוער אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג קֶענְסְטוּ נֶעמֶען אַ טֶעקְסִי אָבֶּער נָאר מִיט דִי פָאלְגֶענְדֶע תְּנָאִים:

אַ) זָאלְסְט נִישְט רֶעדְן מִיטְ'ן דְרֵייוֶוער קֵיין שׁוּם זַייטִיגֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן אַז דֶער דְרֵייוֶוער פְרֶעגְט דִיר דַיין נָאמֶען זָאלְסְטוּ אִים נִישְט עֶנְטְפֶערְן, אַז דוּ הָאסְט אַ טֶעלֶעפָאן מִיט דִיר זָאלְסְטוּ רֶעדְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אָדֶער זִיךְ מַאכְן ווִי דוּ רֶעדְסְט מִיט אֵיינֶעם. אַזוֹי אוֹיךְ אַז עֶר ווִיל דִיר גֶעבְּן זַיין פְּרִיוַואטֶע נוּמֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְט ווִיסְנְדִיג מַאכְן אוּן אִים נִישְט קוּקְן אִין דַיינֶע טָמֵא'נֶע אוֹיגְן, זָאלְסְט נָאר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף פְרַאגֶעס וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט דִי נְסִיעָה.

בּ) אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נָאר זִיצְן אִין דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע זִיץ, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְט אַרַיין גֵיין אִין אַ קַאר זִיצְן נֶעבְּן דֶעם דְרֵייוֶוער וֶוען דֶער דְרֵייוֶוער אִיז אַ מַאן'ס פֶּערְזָאן, זָאלְסְט זִיצְן אִין דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע זִיץ.

ג) דָאס אַלֶעס אִיז אוֹיךְ נָאר אִין דִי שָׁעוֹת וֶוען עֶס אִיז לִיכְטִיג, בַּייטָאג; אָבֶער בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן נִישְׁט פָארְן אַלֵיינְס מִיט אַ טֶעקְסִי וָואס אַ מַאן דְרֵייוְוט, דָאס אִיז יִחוּד וָואס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, לוֹיט רוֹב פּוֹסְקִים אִיז אִיסוּר יִחוּד גָאר אַ דְאוֹרַיְיתָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז וֶוען מְ'לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין כְּלֵי זַיִן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׁיסֶערַיי וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אִין דְזשֶׁערְסִי סִיטִי, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְמַאנְט אַ "תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ" וָואס זָאגְט אַז וֶוען אֵיינֶער לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין כְּלֵי זַיִן זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעוָואלְט וַוייזְן פַּאר אֵיינֶעם, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּצֵייכֶענֶען וואוּ דָאס שְׁטֵייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִגַשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּא, ד): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם תָּמִיד", אַ אִיד וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, "בִּשְׁבִיל לְהַרְבּוֹת כְּבוֹד שָׁמַיִם", כְּדֵי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵינוֹ צָרִיךְ לֹא חֶרֶב וְלֹא חֲנִית וְלֹא כָּל דָבָר שֶׁיִהְיֶה לוֹ שׁוֹמֵר", דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער אַ פַּאנְצֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, "אֶלָּא הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשַׁמְּרוֹ בְּעַצְמוֹ", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הִיט אִים.

יֶעצְט וֶוען מִיר אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי פַארְוֵוייטָאגְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס

וָואס הָאבְּן פַּאסִירְט, סַיי אִין נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי וואוּ אַ פְּרוּ' אוּן אַ בָּחוּר זֶענֶען גֶע'הַרְגֶ'ט גֶעוָוארְן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחָה, אוּן סַיי וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אִין מָאנְסִי וואוּ אַ רוֹצֵחַ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב אִין שְׁטוּב בִּשְׁעַת הַדְלָקַת נֵר חֲנוּכָּה אוּן גֶעשְׁטָאכְן אַפָּאר אִידְן - דַארְפְן מִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען טוּן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען מֶען הֶערְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס דַארְפְן מִיר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז, זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הִיטְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועלְן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה לה, ו): "הַסַּיִף וְהַסֵּפֶר נִתְּנוּ מְכֹרָכִין מִן הַשָּׁמַיִם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד צוּזַאמֶען, "אָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז: "אִם שְׁמַרְתֶּם מַה שֶּׁכָּתוּב בְּסֵפֶר זֶה הֲרֵי אַתֶּם נִצּוֹלִים מִן הַסַּיִף, וְאִם לָאו סוֹף שֶׁהוּא הוֹרֵג אֶתְכֶם", אוֹיבּ וֶועט אִיר הִיטְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה וֶועט אִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן מֶעסֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי תּוֹרָה פַּאסִירְט אַזֶעלְכֶע רְצִיחוֹת.

נָאךְ גֶעפוּנֶען מִיר (עֲבוֹדָה זָרָה יז:) אַז בִּשְׁעַת דִי רוֹמִיִּים הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען תּוֹרָה הָאט מֶען גֶעכַאפְּט דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, מֶען הָאט אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן אוֹיךְ אַז עֶר אִיז אַ רוֹיבֶער, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִי סַיְפָא - לָא סִפְרָא", אוֹיבּ זֶענְט אִיר מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, דַאן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערְד - אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין רוֹיבֶער, "וְאִי סִפְרָא - לָא סַיְפָא", אוּן אוֹיבּ אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶוערְד, אַ גְרוֹיסֶע מֶעסֶער, דַאן קֶען אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, וַוייל דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה אִיז אַ סְתִירָה מִיט רְצִיחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, עֶר זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, אָמֵן.

...

### ווי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ בַּארוּאִיגְן נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זַייט ס'אִיז גֶעשֶׁען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע ל"ע אִין דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי, הָאבּ אִיךְ מִיט מַיין ווַייבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה פוּן דֶעם. מִיר וואוֹינֶען נֶעבְּן בָּארָא פַּארְק אוּן מִיר טְרַאכְטְן עֶרְנְסְט זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן קַיין אֶפְּסְטֶעיט ווִאוּ סְ'אִיז דָא וֶוייניגֶער אוֹיסְזִיכְטְן פַאר אַזַא זַאךְ זִיךְ אִיבֶּערְצוּ'חַזְרְ'ן חַס וְשָׁלוֹם. מִיר ווִילְן הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט ווֶעגְן דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן אוּן וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, מֵיין נִישְׁט אַז אִין אֶפְּסְטֶעיט אִיז בֶּעסֶער; דִי גוֹיִם אִין אֶפְּסְטֶעיט הָאבְּן אוּנְז פּוּנְקְט אַזוֹי פַיינְט ווִי דִי גוֹיִם פוּן שְׁטָאט. דִי וָואךְ הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחָה אִין אֶפְּסְטֶעיט, אִין מָאנְסִי, אַ רוֹצֵחַ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב אִין שְׁטוּבּ בִּשְׁעַת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת אוּן גֶעשְׁטָאכְן פִינְף אִידְן, זֶעט מֶען דָאךְ קְלָאר אַז עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי, מָאנְסִי; נָאר אִיבֶּערָאל הָאט מֶען אוּנְז פַיינְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן.

אַז דוּ זוּכְסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, וואוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן - אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, דִי פֵייגְל אִיז גֶעפְלוֹיגְן פוּן אֵיין בּוֹים צוּם צְוֵוייטְן בּוֹים, אַלְץ זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעסֶערֶע פַאנְגֶערְס, בִּיז דִי פֵייגְל הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט: 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ לוֹיפְן אַהֶער אוּן אַהִין, אִיךְ דַארְף טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואוּ אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן פוּן דִי פַאנְגֶערְס', הָאט זִי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, ווַייל דָארְט בַּיים הֵיכַל הַמֶּלֶךְ וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף אִיר; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, נָאר אִין אֵיין פְּלַאץ קֶען מֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן, אַז מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

אַז דוּ הָאסְט פְּחָדִים פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ חַזְרְ'ן אֱמוּנָה: אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם,

אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין פַּחַד, וַוייל "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א)", וֶוער עֶס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּחַד.

נָאךְ אַ פְּלַאץ אִיז דָא וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ", אוֹיב דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, "רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה", אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס; יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא כְּסִדְרָן אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט אַ שְׁוַואכֶע פַארְשְׁטַאנְד קֶענְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער לֶערְנֶען כְּסִדְרָן (כַּמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו)).

אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן אַלֶע צָרוֹת וּבִפְרַט פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'ט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן ז): "מִי שֶׁבָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילוֹ מִכָּל צָרוֹת וּבִפְרָט מֵהֲרִיגָה", הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע צָרוֹת, בִּפְרַט פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'ט.

מִי שֶׁאָמַר לְעוֹלָמוֹ דַּי יֹאמַר לְצָרוֹתֵינוּ דַּי.

...

## זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין שִׁיעוּר גְמָרָא אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאר צוּ זָאגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן חֵשֶׁק אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען מֶער תּוֹרָה אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן.

יֶעצְט הָאב אִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אִיךְ לֶערְן כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר

צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא מִיט דִי הִילְף פוּן אַרְטְסְקְרָאל. אָבֶּער אִיךְ וִויל אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן מֶער לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, דָאס מֵיינְט טַאקֶע בְּלוֹיז צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין? אוּן זָאל אִיךְ אוֹיפְגֶעבְּן מַיין אַנְדֶערֶע שִׁיעוּר גְמָרָא וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי יָא? אוּן צִי זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ גְמָרָא?

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט הַיינְט צוּ זָאגְן אַ בְּלַאט גְמָרָא אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן סְ'הָאט מִיר גֶענוּמֶען צֶען מִינוּט, זָאל אִיךְ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין? אוּן וִויפִיל בְּלַאט גְמָרָא זָאל אִיךְ זָאגְן יֶעדְן טָאג?

אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג דֶערְצוּ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין שִׁיעוּר גְמָרָא; לֶערְן וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן אַ שִׁיעוּר בְּעִיּוּן. אִינֶעם זֶעלְבְּן שִׂיחָה וואו דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו): ״גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בִּקְצָת עִיּוּן״, אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן צְוֵויי סָארְט שִׁיעוּרִים, אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ הָאבְּן וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וְכוּ׳, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): ״טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ״, עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, ״וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן״, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, ״וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בַּתְּחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר״, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען

שְׁפֶּעטֶער פַּארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַּארְשְׁטַאנֶען.

און דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַּארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַּארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַּארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַּארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" און אוֹיבּ מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַּארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַּארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווַייל אַז מֶען גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַּארְשְׁטֵיין.

ווּאוֹיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן; בַּיי אִים וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן"; וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (שְׁמוֹת רַבָּה נג, ב): "אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת?" וֶוען לַאכְט דִי תּוֹרָה צוּם מֶענְטְשׁ, וֶוען זֶעט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַלֶץ גֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן? "הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן", בַּיים לֶעצְטְן טָאג; דֶעמָאלְט וֶועלְן אַפִיר קוּמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און דַּפִּים גְמָרָא, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

בַּיי דִי לְוַיָה וֶוען מֶען בַּאגְלֵייט אַ נִפְטָר וָואס הָאט גֶעפָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועט מֶען נִישְׁט טְרָאגְן סְתַּם אַן אָרוֹן, נָאר עֶס וֶועט זַיין אַן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַן אָרוֹן מָלֵא סְפָרִים; עֶס וֶועט לִיגְן אִינֶעם אָרוֹן גַאנְץ תַּנַ״ךְ, שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ״ם, טוֹר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, כָּל הַמִּדְרָשִׁים, זוֹהַר וְתִקוּנִים, כָּל סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְכוּ׳ וְכוּ׳; דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**עֵצוֹת אַז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן צוּ עֶסְן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז דַיין וַוייבּ מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיטְ'ן גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר'ן קִינְד זָאלְסְטוּ טוּן דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת, שֶׁאוֹמְרִין קֹדֶם אוֹר הַיּוֹם, הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים. גַּם לְאִשָּׁה שֶׁנֶּחְסַר חֲלָבָהּ", אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַאר'טָאגְס, מֶען זִינְגְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ אַ סְגוּלָה פַאר אַ פְרוֹי וָואס הָאט וֵוייניג מִילְךְ, "גַּם לְאִשָּׁה רָעָה שֶׁהִיא כַּעֲסָנִית", אוֹיךְ פַאר אַ פְרוֹי וָואס רֶעגְט זִיךְ שְׁנֶעל אוֹיף.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וָואס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה, שְׁטֵיי אוֹיף פַאר'טָאגְס - יֶעצְט ווִינְטֶער וֶוערְט שְׁפֶּעט טָאג דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין אַזוֹי פְרִי - נֶעם אַ תְּהִלִּים אוּן זָאג קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים מִיט גֶעזַאנְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אִים אוּן לוֹיבּ אִים אוֹיף דִי נִסִּים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, צְווִישְׁן דִי קַאפִּיטְלֶעךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען ווִי דַיין וַוייבּ וֶועט הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ מִילְךְ.

אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי וֶועסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ קֶענֶען קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא אוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַזוֹי וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן דֶעם טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן בֶּעט פַאר דִיר.

...

**מְתַּרְגֵּם זַיין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶרְהַאלְטְן דֶעם סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס דוּ בִּיסְט מְתַּרְגֵּם; עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, דָאס וֶועט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ; זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן אִיבֶּער טַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס צְווִישְׁן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, וֶוער עֶס וֵוייסְט אַבִּיסְל וָואס טוּט זִיךְ אָפּ הַיינְט מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים... עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶועהֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דִי סְפָרִים אִיז זֵיי מְחַזֵּק, דָאס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ וָואס זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן.

וָואס דַארְף מֶען מֶער פוּן אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ אִיד; מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטֶער אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶעם דִיבּוּר: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְּט דָא אָפּ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר - נָאר כְּדֵי אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד"; הֶער וֶוערְטֶער וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד: "עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג יָאר אַבִּי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן"; וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן אַ אִיד? נָאר אַז מֶען אִיז יֶענֶעם מְזַכֶּה מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

...

**אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ! וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ"ס אִיז זוֹכֶה מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים".

יֶעצְט זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן שַׁ"ס; לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן, לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים; גְמָרָא מַאכְט פְרֵיילִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם - "זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי"; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וִוי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקֶלְקֵייט, אַ טוֹיטְקֵייט? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַ שֵׁיינֶעם פְּשַׁט, אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאקְלָאגְט זִיךְ: "מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקֶל", "מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוֹיט", עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר דִיר, נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן לֶערְן דָאס, "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" - דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר פִינְסְטֶער, "כְּמֵתֵי עוֹלָם" - דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז דָא פַאר דִיר אַן עֵצָה, "זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי" - נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן לִיכְטִיג, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן לֶעבְּן.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מִיט דַיין סִיּוּם הַשַּׁ"ס פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אָבֶּער בְּקִירוּב לְבָבוֹת.

...

לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ אוֹיף אַ שַׁבָּת הִתְוַועֲדוּת - שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען אַנְדֶערֶע; עֶס קוּמֶען פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים אוּן מֶען דַארְף זֵיי שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען, זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן ווִי אַ חֵלֶק פוּנֶעם שַׁבָּת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דַיין וַוייבּ זִי זָאל אוֹיפְנֶעמֶען שֵׁיין אַלֶע גֶעסְט; נִישְׁט אַלֶע פְרוֹיעֶן קוּמֶען מִיט חַבֶר'טֶעס, עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַנְדֶערֶע. עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ צְווִישְׁן דִי וַוייבֶּער פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מִיר וֶועלְן צוּקוּמֶען אַז עֶס וֶועט זַיין לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְז אוּן

צְווִישְׁן דִי פְּרוֹיעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ אִין זַיין צַייט נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן דִי פְּרוֹיעֶן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, דֶערְפַאר אִיז דָאס בָּטֵל גֶעוָוארְן. זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִ"י ז"ל): "בְּעֶרֶב שַׁבָּת פָּרְצָה מְרִיבָה בֵּין כַּמָּה נָשִׁים", עֶרֶב שַׁבָּת הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי ווייבֶּער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אֲרִיזַ"ל, "וְאָמַר הָאֲרִיזַ"ל": אוּן דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט: "בְּקַבָּלַת שַׁבָּת בָּא אֵלַי הַמֶּלֶךְ הָרָע", אִינְמִיטְן קַבָּלַת שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת, "וְאָמַר לִי (שְׁמוּאֵל-א יב, כה): 'גַם אַתֶּם גַּם מַלְכְּכֶם תִּסָּפוּ'", אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, "וְכָל זֶה בִּגְלַל הַקְּטָטָה שֶׁהָיְתָה בֵּינֵיכֶם הַיּוֹם", אַלֶעס צוּלִיבּ דִי מַחֲלוֹקֶה וָואס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן אַייךְ, "כִּי כָּל פַּעַם שֶׁהָיָה הַשָּׁלוֹם שׁוֹרֶה בֵּינֵיכֶם לֹא הָיְתָה לְמַלְאַךְ הַמָּוֶת דְרִיסַת רֶגֶל", וַוייל ווִי לַאנְג עֶס אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ הָאט דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף מִיר, "כֵּן הָיָה בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בְּאוֹתוֹ זְמַן נִתְבַּקֵּשׁ בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ זַ"ל", וְכַךְ הֲוָה, אַז דֶער אֲרִיזַ"ל אִיז יֶענֶע יָאר אַוֶועק.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז דִי מֶענֶער זֶענֶען בְּאַחְדוּת, דִי פְּרוֹיעֶן דַארְפְן אוֹיךְ זַיין בְּאַחְדוּת; מֶען קֶען זֶען ווִי דֶער שָׂטָן, דֶער ס"מ זוּכְט שְׁטֶענְדִיג צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן אוּנְז, אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז מִיר זֶענֶען בְּאַחְדוּת, גֵייט עֶר אַרַיין אִין ווייבֶּער שׂוּל, עֶר מַאכְט אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי ווייבֶּער.

אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַז דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אַלֶעמֶען, סַיי פַאר אוּנְז אוּן סַיי פַאר דִי ווייבֶּער; עֶס אִיז בַּאווּיסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל מַאכְן דִי ווייבֶּער פַאר בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת'טֶעס. אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צוּאווִיסְן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד, אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל מַדְרֵיגָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִּיק גָּמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן

שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", ווער עס וועט מיר פָאלְגְן און עֶר וועט טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס וֶועט זיכֶער ווערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - זָאל עֶס זַיין ווער עֶס זָאל נָאר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

הֵייבּ אָן הַיינְט שַׁ"ס.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת, "שַׁבַּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס - שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה"; יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַהֵיים פוּל מִיט חִזּוּק אָנְצוּהֵייבְּן שַׁ"ס אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֵייבּ אָן הַיינְט שַׁ"ס; אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען - זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, 'וּמִמֵּילָא יָבִין' און מֶען וֶועט שׁוֹין סַיי וִוי פַארְשְׁטֵיין; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער קָאפּ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף און בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי אַסַאךְ בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**צְוָואנְצִיג יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה מְסַיֵּים גֶעוֶוען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא!**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז יֶעצְט צְוָואנְצִיג יָאר נָאךְ דַיין חֲתוּנָה הָאסְטוּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא; בְּמֶשֶׁךְ דִי פַארְלָאפֶענֶע צְוָואנְצִיג יָאר הָאסְטוּ פְּרוּבִּירְט אַלֶע וֶועגְן אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן, נָאר יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) הָאסְטוּ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת נִדָּה.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן שַׁ"ס כְּסִדְרָן; לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא אָדֶער נִישְׁט, גֵיי כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט.

חוּץ מִזֶּה זָאלְסְטוּ הָאבְּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בְּלֶעטֶער גְמָרָא וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, בְּמֶשֶׁךְ דַיין לֶעבְּן קֶענְסְטוּ נָאךְ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שַׁ"ס דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט'ן דַף גְמָרָא; מֶען דַארְף הָאבְּן בֵּיידֶע, סַיי דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אוּן סַיי אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן גְלַייךְ, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן דָאס בֶּעסְטֶע דִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן וִוי שְׁנֶעלֶער.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ'; זַיי מֵפִיץ דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, נֶעם קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן זַיי דָאס מֵפִיץ וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. גֵיי צְווִישְׁן אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵעֵדוֹת הַמִּזְרָח, דִי סְפַרְדִ'ישֶׁע אִידְן וָואס מֶען הָאט זֵיי אַוֶועק גֶערִיסְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה; זַיי נֶעמֶען דִי סְפָרִים זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵיי גֶעבְּן צְדָקָה.

אַז דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע, עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

**מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם גַאנְצְן דִמְיוֹן פוּן אוֹתוֹ הָאִישׁ יִמַח שְׁמוֹ.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

בַּיי אוּנְז הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַן עֵסֶק פוּן נִטָּל; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן יֶעדֶע נַאכְט גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב, מִמֵּילָא אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁאֵלָה פוּן לֶערְנֶען נִטָּל נַאכְט וַוייל פוּן מַעֲרִיב בִּיז חֲצוֹת אִיז מֶען סַיי וִוי גֶעשְׁלָאפְן.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע מְקוֹר פוּן נִטָּל קוּמְט פוּן תְּשׁוּבַת רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ (עַיֵּין בְּסֵפֶר מַטְעַמִּים, מַעֲרֶכֶת אוֹת הנ׳, עֵרֶךְ נִטָּל, אוֹת א); אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְן זִיךְ דִי גוֹיִם צוּזַאמְקוּמֶען אִינֶעם יוֹם הוּלֶדֶת פוּנֶעם אוֹתוֹ הָאִישׁ יִמַח שְׁמוֹ, זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ אָנְ׳שִׁיכּוֹר׳ן יֶענֶע נַאכְט אוּן זַיין זַייעֶר צֶעוִוילְדֶעוֶועט וְכוּ׳; אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים, זַייעֶנְדִיג אָנְגֶעטְרִינְקֶען אוּן צֶעלָאזְט פְלֶעגְן זֵיי שְׁלָאגְן יֶעדְן אִיד וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעטְרָאפְן דֶעמָאלְט אוֹיפְ׳ן גַאס, דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אַז אִין דֶעם נַאכְט טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה וְכוּ׳ אַז דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי סִטְרָא אַחְרָא וְכוּ׳. אָבֶּער דֶער עִיקָר כַּוָונָה פוּן דֶעם אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן דִי ווִילְדֶע גוֹיִם וָואס פְלֶעגְן אַהֵיים קוּמֶען אָנְגֶעהִיצְט פוּן דִי גַלָּחִים וְכוּ׳, פוּן דֶעם קוּמְט דֶער מְקוֹר אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט נִטָּל נַאכְט, אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַז אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דֶער טַעַם גֵייט שׁוֹין נִישְׁט אָן הָאבְּן מֶענְטְשְׁן מוֹרָא צוּ לֶערְנֶען נִטָּל.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז ווִיבַּאלְד בַּיים רֶבִּי׳ן רֶעדְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם גַאנְצְן דִמְיוֹן פוּן אוֹתוֹ הָאִישׁ וְכוּ׳; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶעמָאלְט וֶוערְט מְקוּיָם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): ״יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן״; מִמֵּילָא דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן

דִי אַלֶע זַאכְן, וַוייל אַלֶעס אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל.

...

### נִישְׁט גוֹרֵס גֶעוֶוען נְטָל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים הָאט מֶען נִישְׁט גוֹרֵס גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן נְטָל; סֵיי מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט און אוֹיךְ אוֹיף וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען טוּן אִין דִי לֵיידִיגֶע צַייט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו אַז אַסַאךְ מָאל שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אִיז הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן דִי מַאמֶע מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן און דוּ וֶועסְט אוֹיךְ הָאבְּן קִינְדֶער, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ כַאפְּן וָואס אִיז אַ מַאמֶע, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין ווִי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אַ מַאמֶע אִיז מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע; וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ לֵיידִיג און אוּמֶעטִיג פְרֶעג דַיין מַאמֶע: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן?" מַאךְ דִי וֶועשׁ, אָדֶער דִי גֶעשִׁיר, אָדֶער רוֹים צוּזַאם דִי שְׁטוּבּ, אָדֶער קָאךְ און בַּאק וְכוּ' וְכוּ'.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִילִים; פְּרוּבִיר צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִילִים און זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ

אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ אוּן פַאר דַיינֶע קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת.

אוֹיךְ קֶענְסְטוּ רֶעדְן מִיט חַבֵר'טֶעס; הַיינְט אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ זַיין פַארְבִּינְדְן מִיט גוּטֶע חַבֵר'טֶעס דוּרְךְ רֶעדְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, זַיי מְחַזֵק אַנְדֶערֶע וֶועסְטוּ אַלֵיינְס וֶוערְן מְחוּזָק.

בְּנוֹגֵעַ הֶערְן מוּזִיק בִּשְׁעַת מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע; דוּ קֶענְסְט הֶערְן מוּזִיק בִּשְׁעַת דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע. גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ הֶערְן נָאר מוּזִיק פוּן עֶרְלִיכֶע בַּעֲלֵי מְנַגְנִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", וֶוער עֶס הֶערְט נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער וֶועט אִים אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", ווִידֶער אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אַן עֶרְלִיכְן זִינְגֶער וֶועט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען אַ גֶעהָאלְפֶענֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן נַאכְט זֶענֶען מִיר זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אִין מָאנְסִי פְּרַאוֶועןן דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מִיר הָאבְּן דֶערְצֵיילְט דֶעם סִיפּוּר ווִי אַזוֹי רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער חַבֵר"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶועןן דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, מֶען זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען

זיך צו פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער און עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל און מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'און וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער חָבֵר' הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, ווייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, עֶר בֶּעט אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף און דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים, און אַז עֶר אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן און גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶערְצֵיילְט עֶר דָאס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם אִין "גַן עֵדֶן", אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינ'ס סְפָרִים; מֶען פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ מַאכְן אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי רֶבִּי נָתָנ'ס יָארְצַייט פַאר הַדְפָּסָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען יֶעצְט צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אִיךְ הָאבּ נָארְוָואס גֶעהָאלְפְן דְרוּקְן חֵלֶק קע"ה און קע"ו, און יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט גֶעלְט פַאר נָאךְ צְוֵויי בֶּענְדֶער חֵלֶק קע"ז און קע"ח; אַז דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז ווער עֶס וֶועט גֶעבְּן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיטְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מִיר זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט און אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְנוּמֶען; אֲפִילוּ מֶען הָאט אַלֶע תֵּירוּצִים אוֹיף דִי וֶועלְט זָאל מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָה.

אַ שָׁאד זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; קוּק וִוי מִיר הַאלְטְן שׁוֹין, מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל בַּיי: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען פָּאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - מֶען נֶעמְט אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, בִּיז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן עֶנְדִיגְט מֶען אַ גַאנְצֶע סֵדֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר נֶעם אוֹיךְ אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהַרְאַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, הָאט מֶען הַצְלָחָה".

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין צַייט, אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אַ צְוֵוייטֶע מָאל אִם יִרְצֶה ה'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי שְׁטַארְק וִוי אַייזְן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין מָאוִוי"ס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד תַּלְמִידִי הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוי"ס פוּן ...; עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק נִאוּף, אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ. פְרֵייעֶ מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס, זֵיי פַארְשְׁטֶעלְן זִיךְ וִוי הֵיימִישֶׁע אִידְן וְכוּ' כְּדֵי אַרַיין צוּ נַארְן תְּמִימוּת'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן וִוי דִיר, אוּן לֵיידֶער מַעֲשֶׂה שָׂטָן הִצְלִיחַ, זֵייעֶר אַסַאךְ פְרוּמֶע אִידְן קוּקְן דָאס אוּן וֶוערְן אַזוֹי אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן דִי מָאוִוי"ס; אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ וֶויינְט אוּן שְׁרֵייט פַארְוָואס דוּ ווילְסְט נִישְׁט קוּקְן צוּזַאמֶען מִיט אִיר וְכוּ', זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט צוּהֶערְן; בַּיי דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָארְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עֵצָה, סִימָן ט): "הַהוֹלֵךְ אַחַר עֲצַת אִשְׁתּוֹ, נוֹפֵל בְּגֵיהִנֹּם", וֶוער עֶס גֵייט נָאךְ דִי עֵצָה פוּן זַיין וַוייבּ וֶועט בַּיים סוֹף אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם; זָאג פַאר דַיין וַוייבּ: "אִיךְ קֶען מֶער

נִישְׁט קוּקְן דִי מָאוִוי"ס, אֲפִילוּ זִי זָאגְט דִיר אַז אִיר שְׂוֶועסְטֶער קוּקְט דִי מָאוִוי"ס מִיט אִיר מַאן, דִי חַבֶר'טֶע קוּקְט מִיט אִיר מַאן מָאוִוי"ס, אוּן אֲפִילוּ זִי זָאגְט דִיר בְּשֵׁם דַיין שְׂוֶוער אַז מֶען מֶעג דָאס קוּקְן זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט קוּקְן דִי מָאוִוי"ס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק וִוי אַייזְן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין מָאוִוי"ס, אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ מוּטְשֶׁעט דִיר; נִישְׁט דָאס מֵיינְט שָׁלוֹם בַּיִת, נִישְׁט מִיט דֶעם דַארְף מֶען נָאכְגֶעבְּן דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא, נט:): "אִתְּתָךְ גּוּצָא, גְחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", אַז דַיין וַוייבּ אִיז קְלֵיין (קְלֵיינְקֶעפִּיג), בֵּייג דִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר אוּן הֶער אִיר אוֹיס, דָאס אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צִי "מִילֵי דְעָלְמָא" אוּן צוּ "מִילֵי דְבֵיתָא", וֶוען עֶס קוּמְט צוּ וֶועלְט זַאכְן אוּן צוּ שְׁטוּבּ זַאכְן וְכַדוֹמֶה, דָארְט דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיין דֶעם "אִתְּתָךְ גּוּצָא, גְחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", בֵּייג אַרָאפּ דַיין גַאֲוָה אוּן הֶער אוֹיס וָואס זִי זָאגְט, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צִי "מִילֵי דִשְׁמַיָא" - וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תּוֹרָה, תְּפִילָה אוּן שְׁמִירַת הַמִּצְוֹת וְכַדוֹמֶה, דָארְט טָאר מֶען נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן קַיין רִיר; אַ מַאן דַארְף הָאבְּן שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפְּן וָואס עֶר בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט דֶערְבַּיי פַאר קֵיינֶעם, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קְדוּשָּׁה, צוּ זַיין הֵיילִיג; אֲפִילוּ זִי וֵויינְט אוּן שְׂרֵייט טָאר מֶען נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן.

זַיי אִיר מְכַבֵּד אוּן רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, וֶועט זִי נִישְׁט דַארְפְן דִי עֶקְלְדִיגֶע מָאוִוי"ס, זִיץ מִיט אִיר אוּן פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר וֶועט זִי אָפְּלָאזְן דִי שְׁמוּץ.

אִיךְ וֶועל אִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרַיין דַיין מַאן אִין קוּקְן מָאוִוי"ס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

דַאנְקְטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַן עֶרְלִיכֶער מַאן; אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶער מַאן וָואס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אִין יְשִׁיבָה אוּן אִיז גֶעוֶוען זוֹיבֶּער אַלֶע יָארְן, זָאלְט אִיר אִים שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיף קוּקְן.

אִיר זֶענְט צְוֵוי טֵייעֶרֶע יוּנְגֶע בֵּיימֶעלֶעךְ; אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט דִי תּוֹרָה, אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם מָאוִוי"ס וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז דִי

שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים צַדִּיקִים.

הֶערְטְס נִישְׁט אוֹיס אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער וָואס וִויל אַייךְ אִיבֶּער רֶעדְן צוּ קוּקְן מָאוּוִי"ס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אִיז אַייךְ מְקַנֵּא מִיט אַייעֶר שֵׁיינֶע לֶעבְּן, זִי הַאלְט נִישְׁט אוֹיס צִי זֶען וִוי שֵׁיין אִיר לֶעבְּט, אִיר הָאט אַ מַאן אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, אַ מַאן וָואס לֶעבְּט אַ לֶעבְּן, דֶער לֶעבְּן אִיז אִים לֶעבֶּעדִיג, דֶער לֶעבְּן אִיז אִים אָנְגֶעפוּלְט מִיט טַעַם; הֶערְטְס נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע חַבֵר'טֶעס וָואס רֶעדְן אַייךְ צוּ אִיר זָאלְט קוּקְן מָאוּוִי"ס מִיט אַייעֶר מַאן. נֶעבֶּעךְ, זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז אָן אַ טַעַם, דֶערְפַּאר דַארְפְן זֵיי זוּכְן מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי אָנְצוּפוּלְן זֵייעֶר צַייט, זֵיי פְּרוּבִּירְן זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן מִיט זַאכְן וָואס מַאכְט נָאר מֶער דֶעפְּרֶעסְט; אִיר דַארְפְט דָאס נִישְׁט, אִיר הָאט אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אַ פְרֵיילִיכֶער מַאן.

וָואס וֶועט אִיר טוּן וֶוען אַייעֶר מַאן וֶועט חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ צוּכַאפְּן צוּ דֶעם, אִיר וֶועט אִים עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן אוּן עֶר וֶועט זֶען דִי גוֹי'שֶׁע וֶועלְט, דִי פְרֵייעֶ וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט גֵיין אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען, עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען, עֶר וֶועט זִיצְן עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן מִיט אַ לֶעפְּטַאפּ אַזוֹי וִוי דִי "יוֹשְׁבֵי חוֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת" וָואס זִיצְן אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, אִין דִי שָׁאטְן פוּן טוֹיט; וָואס וֶועט אִיר דֶעמָאלְט זָאגְן? וֶוער וֶועט אַייךְ דֶעמָאלְט קֶענֶען הֶעלְפְן?

מָרַת ... תִּחְיֶ', וִויפִיל פְרוֹיעֶן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אַז זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין שְׁטוּב, זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין טַאטֶע פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין לַייבּ אוּן לֶעבְּן - וַוייל זֵייעֶרֶע מֶענֶער זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צִי מָאוּוִי"ס! אַז אִיר הָאט אַ טַייעֶרֶע מַאן וָואס וִויל נָאר אַייךְ, עֶר וִויל נָאר קוּקְן אוֹיף אַייךְ, עֶר וִויל נָאר טְרַאכְטְן פוּן אַייךְ, פַארְוָואס זָאלְט אִיר אִים שְׁלֶעפְּן צוּ קוּקְן דִי סֶערְיֶע מָאוּוִי"ס פוּן ... וָואס אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ, אֵיין שְׁטִיק נִאוּף?!

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, זַייטְס נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר; נֶעמְטְס אָן דִי וֶוערְטֶער אוֹיף אַ פַּאזֶעטִיוֶוער וֶועג, קוּקְטְס נִישְׁט אוֹיף דֶעם בְּרִיוו וִוי אַ מוּסָר בְּרִיוו, וִוי אַ שַׁארְפֶע בְּרִיוו; דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מוּסָר, דָאס אִיז פָּשׁוּט אַייךְ צוּ הֶעלְפְן מִיט אַייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ הָאף אַז דִי וֶוערְטֶער וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן מַיין הַארְץ וֶועט אַרַיין גֵיין אִין אַייעֶר הַארְץ אוּן אִיר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַייעֶר טַייעֶרֶער ווּאוֹילֶער מַאן אוּן אִים

**נָאר שְׁלֶעפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**...**